בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ל"ח

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת וישב - שבת חנוכה
שנת תשפ"ד



## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף עֶנְדִיגְן מִיר צוּ דֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### וָואס אִיז אַ חֵדֶר?!

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם מֶענֶעדְזְשֶׁער:** וָואס אִיז אַ גֶעלוּנְגֶענֶע חֵדֶר? אִין דִי וֶועלְט זָאגְט מֶען: **"אַז עֶס אִיז דָא אַ בִּנְיָן - אִיז דָא אַ חֵדֶר"**, אִיךְ קֶען בַּאשְׁטֵיין עֶס זָאל זַיין אַ שֵׁיינֶע בִּנְיָן מִיט שֵׁיינֶע קְלַאסְן, אָבֶּער נִישְׁט דָאס אִיז דֶער חֵדֶר, נִישְׁט דָאס אִיז דִי שׁוּלֶע.

דוּ מֶעגְסְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען דַאלִי'ס אוּן קֶערִידְזְשֶׁעס אִין שׁוּלֶע, אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא אַ לַייבְּרֶערִי פוּן בִּיכֶער - דָאס אִיז דִי סְקוּל?! אוֹיב אַזוֹי דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין לֶערֶערִינְס... אַ שׁוּלֶע מֵיינְט אַ לֶערֶערִין וָואס רֶעדְט צוּ קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

אוֹיב מֶען לֶערְנְט אִין אַ דִירָה אִיז עֶס נִישְׁט קַיין חֵדֶר?! - מִיר הָאבְּן יֶעצְט גֶעעֶפְנְט אַ חֵדֶר אִין טְבֶרְיָה אִין אַ דִירָה, אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז דָארְט גֶעוֶוען בַּאזוּכְן רוּפְט עֶר מִיר אָן, עֶר זָאגְט מִיר: **"נֶע, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חֵדֶר, אַ אִינְגֶערְמַאן זִיצְט אִין אֵיינֶעמְ'ס קָאךְ מִיט צְוֵויי קִינְדֶער אוּן לֶערְנְט..."** זָאג אִיךְ אִים: **"פוּנְקְט אַזוֹי הָאט זִיךְ סַאטְמֶער אָנְגֶעפַאנְגֶען, דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי יוּדְל רָאזֶענְבֶּערְג זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר זָאל עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר אוּן עֶר הָאט עֶס גֶעעֶפְנְט אִין זַיין הוֹיז!"**

דִי אַלְטֶע ווִילְיַאמְסְבּוּרְג'עֶ דִירוֹת פְלֶעגְט זַיין אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דִי גַאנְצֶע דִירָה אִיז אֵיין גְרָאדֶע שׁוּרָה, מֶען דַארְף אַדוּרְךְ גֵיין אַ שְׁטוּבּ כְּדֵי אַרַיין צוּ גֵיין צוּם צְוֵוייטְן שְׁטוּבּ, הַיינְט בּוֹיט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי, זַיין דִירָה אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דִי שְׁלָאף שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי עֶק, פוּנֶעם שְׁלָאף שְׁטוּבּ אִיז מֶען אַרַיין אִינֶעם דֵיינוּנְג רוּם (שַׁבָּת שְׁטוּבּ) אוּן פוּנֶעם דֵיינוּנְג רוּם אִיז מֶען אַרַיין אִין קָאךְ, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין הָאלְוֶועי, אִיז עֶר גֶעזֶעסְן מִיט זֶעקְס קִינְדֶער אִין זַיין דֵיינוּנְג רוּם, אוּן זַיין וַוייבּ, אַ פְרוֹי מִיט קִינְדֶער, אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין שְׁלָאף שְׁטוּבּ, זִי הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא, אַזוֹי הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען דִי רִיזִיגֶע סַאטְמֶערֶע מוֹסְדוֹת וָואס אִיז דָא הַיינְט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, - אִין אַ דִירָה!

### פַאר מִיר אִיז גֶעשְׁמַאק צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער!

אַ מוֹסָד אִיז נִישְׁט דִי בִּנְיָן, אַ מוֹסָד אִיז נִישְׁט דִי שְׁפִּילְצֵייג, דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען מֵהֵיכִי תֵּיתֵי, אַז דוּ ווִילְסְט אַרַיין לֵייגְן שְׁפִּילְצֵייג - פַיין, אָבֶּער נִישְׁט דָאס אִיז דֶער חֵדֶר, צוּפִיל שְׁפִּילְצֵייג אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן אַז דִי מְלַמְּדִים זָאלְן שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער...

אִיךְ פְלֶעג נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין בַּיי רִיסֶעס פוּן כִּתָּה, אִיךְ הָאבּ הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער, דִי אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים פְלֶעגְן הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף מִיר, **"קוּם אַרוֹיס, קוּם אַבִּיסְל פַארְבְּרֶענְגֶען, קוּם אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן"**, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: **"פַאר מִיר אִיז גֶעשְׁמַאק צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער!"** עֶס קֶען זַיין אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט נָאכְמַאכְן וַוייל דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ ווִי אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַהֵיים אֵיינְס אַזֵייגֶער, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַזוֹי ווִי אַ מַגִּיד שִׁיעוּר, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר זִיבְּן דְרַייסִיג. זִיבְּן דְרַייסִיג אִיז גֶעוֶוען שַׁחֲרִית, אַכְט דְרַייסִיג אִיז גֶעוֶוען פְרִישְׁטָאג, פוּן נַיין אַזֵייגֶער בִּיז עֶלְף אַזֵייגֶער הָאט מֶען גֶעלֶערְנְט גְמָרָא, פוּן עֶלְף אַזֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען רִיסֶעס, פוּפְצְן מִינוּט נָאךְ עֶלְף הָאט מֶען וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט גְמָרָא בִּיז לָאנְטְשׁ, דָאס אִיז גֶעוֶוען מַיין חֵלֶק.

אִיךְ פְלֶעג בְּלַייבְּן בַּיי רִיסֶעס שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ צוּגֶעקוּקְט ווִי אַזוֹי דִי קִינְדֶער פַארְבְּרֶענְגֶען, אוֹיב הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען בִּשְׁעַתְ'ן שְׁמוּעֶסְן ווִי אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אַרַיין גֶעלֵייגְט אִינֶעם קוּמֶענְדִיגְן שִׁיעוּר אַז מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אִיךְ דַארְף אָנְמֶערְקְן גֶעווִיסֶע זַאכְן הָאבּ אִיךְ עֶס אַרַיין גֶעלֵייגְט אִינְמִיטְן דֶעם שִׁיעוּר.

[אִיךְ גֶעדֶענְק, אִין אַ יוּנְגֶערֶע כִּתָּה הָאט גֶעלֶערְנְט אַ אִינְגְל פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבּ, עֶר הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶעוַואלְגֶערְט, עֶר הָאט גֶע'חַלֶשְׁ'ט אַרַיין צוּ קוּמֶען לֶערְנֶען בַּיי מִיר, אָבֶּער פוּנְקְט יֶענֶע יָאר וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרַיין קוּמֶען צוּ מִיר הָאט מֶען מִיךְ אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן פוּן יֶענֶע מוֹסָד, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים, אִיךְ הָאבּ אִים אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט: **"אִיךְ נֶעם דִיךְ אַרַיין פַאר מַיין קִינְד, אִיךְ וֶועל דִיךְ בַּר מִצְוָה מַאכְן, דוּ וֶועסְט גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי ווִי מַיינֶע קִינְדֶער, דוּ קֶענְסְט אֲפִילוּ טוֹישְׁן דַיין נָאמֶען, קֶענְסְט הֵייסְן ... רוּטְה"**, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט פוּן מִיר, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: "נֶע, עֶס אִיז גוּט", לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה

## הַמְשֵׁך שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ



>>> מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

אַלְס בָּחוּר, בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶר אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיסְגֶעוַואקְסְן].

עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מַאכְן בַּאקְוֶועם אִין אַ שֵׁיינֶע בִּנְיָן וְכוּ', מֶען דַארְף נָאר וִויסְן וָואס אִיז דֶער חֵדֶר אוּן וָואס אִיז דִי שׁוּלֶע. אוֹיבּ מָארְגְן וֶועט מֶען דַארְפְן פַארְמַאכְן דִי מוֹסְדוֹת; מֶען קֶען נִישְׁט וִויסְן מִיט דִי גוֹיִים וָואס זֵיי וִוילְן טוּן מִיט אוּנְז, אוֹיבּ מֶען וֶועט דַארְפְן לֶערְנֶען אַלֶע גְלוֹיבּוּנְגֶען וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן זֵיי, אוּן פָּאלִיצֵיי וֶועלְן קוּמֶען פַארְמַאכְן דִי מוֹסְדוֹת, וֶועלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן אִין זֵייעֶרֶע הַייזֶער מִיט דִי קִינְדֶער וַוייטֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה!

### אַ יְשִׁיבָה לִמְצֻיָּנִים!

דִי חֵדֶר אִיז נִישְׁט 'וַואוּו מִיר הָאבְּן אַ בִּנְיָן', בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן אַ בִּנְיָן אָבֶּער נִישְׁט דָאס אִיז דִי 'וַואוּו', דִי וַואוּו אִיז אַז מִיר הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע וָואס לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, אוּן קַיין אֵיין קִינְד בַּאקוּמְט נִישְׁט מֶעדֶעצִין'!

יֶעדֶע יְשִׁיבָה מֶעלְדְט הַיינְט אִין דִי צֶעטְלֶעךְ וָואס מֶען לֵייגְט נֶעבְּן דִי מִקְוֶה, **"אַ יְשִׁיבָה עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף"**, אַזוֹי וִוי זֵיי וִוילְן אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען אַז עֶס אִיז אַ **'יְשִׁיבָה לִמְצֻיָּנִים'**, שְׁרַייבְּט מֶען: **"דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס נָאמֶען אִיז אַזוֹי"**, אוֹיךְ אִיז דָא אַ דָאקְטֶער וָואס רֶעדְט צוּ דִי בָּחוּרִים אוּן פַארְשְׁרַייבְּט פִּילֶעכְלֶעךְ, מֶען שְׁרַייבְּט נִישְׁט אַרוֹיס קְלָאר אַז עֶס אִיז דָא אַ דָאקְטֶער, נָאר מֶען שְׁרַייבְּט אַז עֶס אִיז דָא אַ "מוּמְחֶה וָואס פַארְשְׁטֵייט נְפָשׁוֹת"...

זֵייעֶר אַסַאךְ יְשִׁיבָה'ס הָאבְּן אַ דָאקְטֶער אוֹיפְ'ן פְּלַאץ וָואס פַארְשְׁרַייבְּט טַאבְּלֶעטְן פַאר בָּחוּרִים, אַז אַ בָּחוּר קוּמְט זָאגְן אַז עֶר וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן זָאגְט מֶען אִים: **"דוּ נֶעם מֶעדֶעצִין זָאלְסְט נִישְׁט וִוילְן חֲתוּנָה הָאבְּן!"** אַז אַ בָּחוּר אִיז צוּ לֶעבֶּעדִיג גֶעבְּט מֶען אִים מֶעדֶעצִין עֶר זָאל אַיינְשְׁלָאפְן, דִי רֶעגִירוּנְג גִיסְט גֶעלְט פַאר דִי סָארְט זַאכְן.

אוּנְזֶער מַעֲלָה אִיז אַז מִיר הָאבְּן אַ מוֹסָד וָואס גֶעבְּט נִישְׁט קַיין מֶעדֶעצִין פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען נִיצְט נִישְׁט קַיין שְׁטֶעקֶענֶעס, נָאר מֶען רֶעדְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּ דִי קִינְדֶער.

### אִיךְ מוּז מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים!

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַרוֹיס צוּ קוּמֶען אֵיין מָאל אַ וָואךְ מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט קוּמֶען דָא ווָאוֹינֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ קוּם שׁוֹין טַאקֶע אַרוֹיס דָא ווָאוֹינֶען, לְמַעֲשֶׂה וִויבַּאלְד אִיךְ הָאבּ דָא נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פַאר דִי בָּחוּרִים ווָאוּ זֵיי זָאלְן שְׁלָאפְן, אוּן דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁלָאפְן דָא אִין דִי זוּמֶער וָואכְן - בִּין אִיךְ נִישְׁט צוּפְרִידְן, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע דָארְמִיטָארִי (שְׁלָאף שְׁטִיבֶּער), עֶס זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, דֶערִיבֶּער אִיז מִיר עֶנְדֶערְשׁ צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט, אוּן אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי הַנְהָלָה זֵיי זָאלְן צוּשְׁטֶעלְן אַ פְּלַאץ פַאר דִי בָּחוּרִים צוּ שְׁלָאפְן. וֶוען מֶען וֶועט צוּשְׁטֶעלְן אַ פְּלַאץ פַאר דִי בָּחוּרִים צוּ שְׁלָאפְן וֶועל אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קֶענֶען קוּמֶען צוּ עֶנְק יֶעדְן טָאג גֶעבְּן חִיזּוּק.

אָבֶּער בִּיז דֶערְוַוייל וֶועל אִיךְ אַרוֹיס קוּמֶען אֵיין מָאל אַ וָואךְ עֶנְק גֶעבְּן חִיזּוּק. אִיךְ הֵייבּ סְפֶּעצִיעֶל אָן יְשִׁיבָה עֶרְשְׁט מָארְגְן וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאךְ גֶעוָואלְט הָאבְּן אֵיין טָאג צוּ קֶענֶען קוּמֶען רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְּדִים. אוּן פוּן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִין וַוייטֶער וֶועל אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אַרוֹיס קוּמֶען גָאר פְּרִי, אִיךְ וֶועל גֶעבְּן דֶעם שִׁיעוּר נַיין אַזֵייגֶער צוּפְרִי, אַזוֹי וֶועל אִיךְ נִישְׁט פַארְפֶעלְן מַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין שְׁטָאט.

אִיךְ קֶען בַּאשְׁטֵיין אַז דִי מְלַמְּדִים זָאלְן מִיר שְׁרַייבְּן צֶעטְלֶעךְ פוּן וָואס מֶען זָאל רֶעדְן אָדֶער דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה מִיט פְּרַאגֶעס וִוי אַזוֹי מֶען זָאל עֶס בַּאהַאנְדְלֶען, וֶועל אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף רֶעדְן פוּן דִי נוֹשְׂאִים וָואס מֶען בֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה אוּן סִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא.

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### וִוי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָּאלְגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע טָאג אִין חֵדֶר, אָנְהֵייבּ טָאג אִיז נָאךְ גֶעוֶוען שְׁוֶוער, יֶעצְט סוֹף טָאג אִיז גֶעוֶוען אַ מְחַיֶּה, שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

עֶס פִּילְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק נָאךְ אַ פִּילֶע טָאג חֵדֶר, אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן, גֵיי וֵוייס וואוּ, אוּן דָא זִיץ אִיךְ מִיט קִינְדֶער אוּן אִיךְ לֵייג אִין זֵיי אַרַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר גֶעבְּן דִי מַתָּנָה צוּ קֶענֶען זַיין דָא אַ מְלַמֵּד.

אִיךְ הָאבּ אַ קִינְד אִין קְלַאס וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר מִיט אִים, סְפֶּעצִיעֶל זַייט זַיין מַאמֶע הָאט גֶעהַאט אַ קִינְד, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל בַּיי אַ צְוֵוייטֶע מִשְׁפָּחָה, אִיז עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ, וִוי שְׁוֶוער עֶר אִיז גֶעוֶוען בִּיז דֶעמָאלְט, אִיז עֶר יֶעצְט גֶעוָוארְן נָאךְ סַאךְ שְׁוֶוערֶער, מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט גֶעפָּאלְגְט, אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֵייסְן הָאט עֶר גֶעטוּן פַארְקֶערְט, זַיין טַאטֶע הָאט מִיךְ אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז זַייט עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען קֶען עֶר נִישְׁט הַאנְדְלֶען מִיט אִים.

דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוֵויינְט צוּם מְנַהֵל אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מִיט אִים, עֶר מַאכְט מִיךְ אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן קְלַאס, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אִיךְ זָאל אִים מַאכְן פַאר אַ גַבַּאי; דֶער קִינְד קֶען זֵייעֶר גוּט דִי עִבְרִי זָאל אִיךְ אִים מַאכְן פַאר דֶער חַזָּן, עֶר זָאל פָארְזָאגְן דִי עִבְרִי. אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזֶעצְט בַּיי מַיין טִישׁ אוּן גֶעמַאכְט פַאר גַבַּאי, עֶר הָאט פָארְגֶעזָאגְט דִי עִבְרִי, אוּן נֶעכְטְן רוּפְט מִיךְ אָן זַיין טַאטֶע אוּן זָאגְט מִיר אַז עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען דָא, עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אַ נֵייעֶ קִינְד, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גַבַּאי אִין חֵדֶר, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעפָאלְגְט אַלֶעס וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהֵייסְן אִינְדֶערְהֵיים. שְׁכֹּחַ

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן אַזַא מְנַהֵל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ מְלַמְּדִים, זֵיי גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזּוּק, זֵיי זָאלְן וִויסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ – עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אַ פָּשׁוּטְ׳עֶר אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ גָאס רֶעגְן, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַּרְדְּקֵי – אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין חִילּוּק פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד. אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִּישׁ טַאנְק, אוּן אִיךְ רֶעד אִים צוּ, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען – וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִישֶׁעלֶעךְ, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען", דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין כֹּחַ, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט זַיינֶע תְּפִילּוֹת.

עַל כָּל פָּנִים זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז מְשַׁחֵד דִי קִינְדֶער בִּיז זֵיי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן אַז דָאס אִיז דִי וֶועג, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע צוּגַאנְג מִיט קִינְדֶער, זֵיי גְרוֹיסְן; זֵיי מַאכְן חָשׁוּב, אוּן אַזוֹי כַאפְּן זֵייעֶר הָאַרְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע תַּלְמִידִים, זָאלְסְט אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אַ לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַ טְרֵיישַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי תשפ"ג)

## וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט אִיבֶּער נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער, אָבֶּער פוּן צְוֵייטֶע זַייט זֶעט מֶען אִין דִי גְמָרָא (בְּכוֹרוֹת מ"ו.) אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד וָואס פְלֶעגְט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער גָאר שְׁטַארְק, בִּיז צוּם טוֹיט, אוּן דֶערְפַאר הָאט אִים רַב אַחָא אַוֶועקְגֶענוּמֶען דִי מְלַמְּדוּת, אָבֶּער רַבִינָא הָאט אִים צוּרִיק גֶעשְׁטֶעלְט וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ צְוֵייטֶער מְלַמֵּד וָואס זָאל אַזוֹי גוּט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער. דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילּוּ עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶע׳רַצְחְ׳ט דִי קִינְדֶער, הָאט מֶען אִים גֶעלָאזְט דָארְטְן זַיין מְלַמֵּד, וַוייל עֶר הָאט גוּט גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי. אוּן אִין רַמְבַּ"ם אוּן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט אוֹיךְ גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אַז מֶען מֶעג שְׁלָאגְן אַ תַּלְמִיד, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק וִוי דִי מַעֲשֶׂה אִין דִי גְמָרָא.

קֶען מֶען דֶען אוֹיסְרַייסְן אַן הֲלָכָה אוּן זָאגְן אַז מֶען טָאר אִינְגַאנְצְן נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ קִינְד אָדֶער אַ תַּלְמִיד וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן אַלֶע תַּלְמִידִים אוּן פוּן דִי גְרוֹיסֶע שְׁוֶוערֶע הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי – הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִים נִיסָן, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט זֵייעֶר גוּט, וִוי קֶען מֶען זָאגְן ׳נִישְׁט שְׁלָאגְן קִינְדֶער׳ וֶוען שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ", דֶער וָואס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם שְׁטֶעקְן פוּן זַיין זוּן, "שׂוֹנֵא בְנוֹ", דֶער הָאט פַיינְט זַיין זוּן, "וְאֹהֲבוֹ", אוּן דֶער וָואס לִיבְּט זַיין זוּן, "שִׁחֲרוֹ מוּסָר", גֶעבְּט אִים שְׁטֶענְדִיג מוּסָר; פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יַלְקוּט מִשְׁלֵי, רֶמֶז תתקנ; מִדְרָשׁ מִשְׁלֵי, יג): אִיז דֶען דָא אַ טַאטֶע וָואס זָאל פַיינְט הָאבְּן זַיין קִינְד? "אֶלָּא מִתּוֹךְ שֶׁאֵין מוֹכִיחוֹ עַל הַתּוֹרָה וְהַחָכְמָה וְדֶרֶךְ אֶרֶץ, עָתִיד לִשְׂנֹאתוֹ", נָאר אַז מֶען מוּסָר׳ט נִישְׁט דָאס קִינְד וֶועט עֶר נִישְׁט לֶערְנֶען, נִישְׁט דַאוֶונֶען אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גוּטֶע מִידּוֹת, וֶועט עֶר אִים בַּיים סוֹף פַיינְט הָאבְּן, "אֲבָל אִם מוֹכִיחוֹ", אָבֶּער דֶער טַאטֶע וָואס מוּסָר׳ט יָא, "נַעֲשֶׂה אֹהֲבוֹ", וֶועט בַּיים סוֹף לִיבּ הָאבְּן זַיינֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר"; אִיז דָאךְ גֶעדְרִינְגֶען אַז מֶען דַארְף יָא לִכְאוֹרָה שְׁלָאגְן קִינְדֶער!

דִי קַשְׁיָא הָאט מֶען אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן; עֶס שְׁטֵייט דָאךְ קְלָאר (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ", דֶער וָואס נֶעמְט אַוֶועק זַיין שְׁטֶעקְן, "שׂוֹנֵא בְנוֹ", וֶועט פַיינְט הָאבְּן זַיין זוּן, וַוייל אַז עֶר שְׁטְרָאפְט אִים נִישְׁט – וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה! הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין פָּסוּק ׳מֶען זָאל שְׁלָאגְן׳, עֶס שְׁטֵייט ׳מֶען זָאל הָאבְּן אַ שְׁטֶעקְן׳; מֶען זָאל וַוייזְן דֶעם שְׁטֶעקְן פַארְ׳ן קִינְד וֶועט עֶר שׁוֹין פוּן דֶעם זִיךְ טוֹישְׁן צוּם גוּטְ׳ן, מֶען דַארְף נִישְׁט דֶעם שְׁטֶעקְן צוּ שְׁלָאגְן, עֶס אִיז גֶענוּג דָאס וַוייזְן עֶר זָאל מוֹרָא הָאבְּן אוּן גֵיין אוֹיפְ׳ן גוּטְ׳ן וֶועג".

חַס וְשָׁלוֹם צוּ זָאגְן אַז מֶען רַייסְט אוֹיס אַן הֲלָכָה; אַדְּרַבָּה, נֶעם דִי מִי אוּן קוּק וִוי אַזוֹי מֶען פַּסְקְ׳נְט, עֶס אִיז אַן הֲלָכָה מְפוֹרֶשֶׁת (שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב יוֹרֶה דֵעָה, הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה פֶּרֶק א, סְעִיף יג): "תִּינוֹק שֶׁאֵינוֹ

רוֹצֶה לִקְרוֹת", אַ קִינְד וָואס ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען, "לֹא יַכֶּה אוֹתוֹ הַמְּלַמֵּד מַכַּת אַכְזָרִי", זָאל דֶער מְלַמֵּד אִים נִישְׁט שְׁלָאגְן מֶערְדֶערְלִיכֶע קְלֶעפּ, "לְפִיכָךְ לֹא יַכֵּהוּ בְּשׁוֹטִים וְלֹא בְּמַקֵּל", דֶערִיבֶּער טָאר אַ מְלַמֵּד נִישְׁט שְׁלָאגְן מִיט קַיין שְׁטֶעקְן, "אֶלָּא בִּרְצוּעָה קְטַנָּה", נָאר מִיט אַ קְלֵיינֶע שִׁיךְ בֶּענְדְל, "אִם קוֹרֵא, קוֹרֵא", אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען וֶועט עֶר לֶערְנֶען, "וְאִם אֵינוֹ קוֹרֵא בְּהַכָּאָה זוֹ", אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר נָאכְאַלְץ נִישְׁט וֶועלְן לֶערְנֶען, "יִהְיֶה יוֹשֵׁב כָּךְ עִם חֲבֵרָיו, לְהִיוֹת לָהֶם לְחֶבְרָה", זָאל עֶר אִים לָאזְן זִיצְן מִיט דִי חֲבֵרִים, "וְסוֹפוֹ אֶפְשָׁר יִתֵּן לְבּוֹ", אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט עֶר זִיךְ אֶפְשָׁר מִיטְכַאפְּן מִיט זֵיי.

אִיז דָאךְ קְלָאר דִי הֲלָכָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער, נָאר מִיט אַ בֶּענְדְל זֵיי אוֹיפְוֶועקְן זֵיי זָאלְן מִיט הַאלְטְן; פַּארְקֶערְט, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן; דִי הֲלָכָה אִיז (שָׁם): "וּמְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת הַחוֹבֵט יוֹתֵר מִדַּאי", אַ מְלַמֵּד וָואס שְׁלָאגְט מֶער ווִיפִיל עֶר מֶעג, "מַעֲבִירִין אוֹתוֹ", מַאכְט מֶען אִים אוֹיס מְלַמֵּד, "וְהוּא עוֹבֵר בְּלֹא תַעֲשֶׂה כִּי מֵאַחַר שֶׁמַּכֶּה שֶׁלֹּא בִּרְשׁוּת הֲרֵי זֶה כְּמַכֶּה אֶחָד מִשְּׁאָר יִשְׂרָאֵל", עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיף אַ לָאו, עֶס אִיז אַזוֹי ווִי עֶר שְׁלָאגְט אַ צְוֵויטְן אִיד.

דֶער מְצִיאוּת אִיז אַז דִי אַלֶע וָואס שְׁלָאגְן אוּן פַּאטְשְׁן - דָאס קוּמְט פוּן ווֵיינִיג גֶעדוּלְד אָדֶער פוּן נִישְׁט זַיין אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט צוּלִיבּ אָנְגֶעצוֹיגְנְקַייט. אִין דִי פֶּעלֶער וָואס מֶען דַארְף שׁוֹין יָא גֶעבְּן אַ פֶּעטְשְׁל פַאר אַ קִינְד, וֶוען עֶר פִּירְט זִיךְ מִיט חוּצְפָּה אָדֶער וֶוען עֶר טוּט סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן, דַארְף דָאס זַיין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט. מִיט גְרוֹיס יִשּׁוּב הַדַּעַת, אָן קַיין פַּארְלוֹירְנְקַייט. וֶוען מֶען שְׁלָאגְט פוּן פַּארְלוֹירְנְקַייט אָדֶער פוּן כַּעַס - אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ; אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה אַז דָאס אִיז חִינוּךְ, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, נָאר דִי כַּעַס אוּן דִי נֶערְוְון רֶעדְן אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ 'יֶעצְט דַארְף מֶען שְׁלָאגְן', 'יֶעצְט דַארְף מֶען פְּרַאסְקֶענֶען'.

עֶלְטֶערְן אוּן מְלַמְּדִים וָואס ווִילְן מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, מִיט דִי תַּלְמִידִים - דַארְפְן גִיסְן טְרֶערְן טָאג אוּן נַאכְט, זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן צַדִּיקִים.

מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעווִיזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא תשפ"א)

## ווִי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ מַיין טָאכְטֶער זָאל וֶועלְן דַאווְנֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ מֵיידְל פוּן אַכְט יָאר אַלְט וָואס הַאלְט נִישְׁט בַּיים דַאוְוענֶען. זִי זָאגְט אַז זִי פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער וָואס זִי רֶעדְט, אוּן דֶערְפַאר הָאט זִי נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דַאוְוענֶען. וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

זַייט אִיר מְחַזֵּק, זָאגְט אִיר אַז אֲפִילוּ זִי פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס זִי דַאוְוענְט - זָאל זִי ווַייטֶער דַאוְוענֶען, ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּארְשְׁטֵייט יֶעדֶעס וָוארְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען בֶּעט אִים.

מִיט דִי צַייט וֶועט זִי אוֹיפְכַאפְּן דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, וֶועט זִי בַּאקוּמֶען מֶער אוּן מֶער אַ גֶעפִיל צוּם דַאוְוענֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת שְׁמוֹת תשפ"א)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בּרסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876